# בית יעקב

ליטעראַרישער פאַמיליען-זשורנאַל

יאָרגאַנג 8 | נומער 60

ארגאן פאר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן און ארגאניזאציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילן

רעדאקטאר: א. ג. פרידמאן

ב״ה, לאָדזש כסלו תרצ״א — Łódź Grudzień 1930


# הערט, שוועסטער און ברודער!

**דער** הײַנטיקער זעכציקסטער נומער „בית יעקב״ איז דער לעצטער אלס חודש-זשורנאַל. אי״ה פון י״ב טבת אָן (1 סטיטשן 1931) הייבט אָן דער בית-יעקב-זשורנאַל אַרויסצוגײַן יעדע צווײַטע וואָך. דער זשורנאַל וועט אויף יעדן צווייטן פרײַטיק שוין זײַן אין די ווײַטסטע מקומות און מיר נעמען אויף זיך דאָס התחייבות אַרויסצוגעבן בע״ה אָן איבערדרייס

כסדר פינקטלעך אויף יעדן צווייטן שבת.

איר ווײַסט אויסגיצײַכנט, אַז די דאָזיקע גיוואַגטע החלטה הײַסט פון אונדזער זײַט, גינומען אויף זיך אַ שווערן עול און אויב מיר טון דאָס, איז עס נאָר צוליב אידעאַלע טעמים, צו שטאַרקן אונדזער באַוועגונג, אונדזערע שולן, אונדזערע אָרגאַניזאַציעס און נאָכ-

מער פון אַלעם, אַז אונדזער יוגנט די בנות ישראל זאָלן האָבן אפטער שײַן און נוצלעך באַלערנד לײַן-שטאָף.

מיטן אַרויסגעבן יעדן צווײַטן פרײַטיק די אויבנדערמאָנטע טריבונע פון דער אָרטאָדאָקסישער פרויען-באַוועגונג, וועט אויך ווערן נענטער דער קאָנטאַקט פון די לייענערנס מיט דער רעדאַקציע, אונדזערע עסקנות וועט גיגעבן ווערן די מעגלעכקייט זיך אַרויסצוזאָגן מיט פלענער און פראיעקטן, וועגן דער ווייטערער בנות-אַרבייט און בכלל וועט זיך אין די בית-יעקב-בלעטער ערשט ריכטיק קענען

אָפשפיגלען, די גאַנצע גראַנדיעזע אַרבייט פון דער יידישער פרוי און אירע אַלע פעולות אויף די פאַרשידינע גיביטן.

בית-יעקב-זשורנאַל, וואָס האָט שוין אונטער זיך אַ תקופה פון קרוב אַכט יאָר, איז איבעריק צו דערציילן אַצינד, פון זיינע גרויסע אויפטוען און דערגרייכונגן, און עס איז זיכער, אַז אויב די* אַלס הערואישע מעשים זענען גיקומען, ווען „בית יעקב״ איז נאָר בלויז גיווען אַ חודש-זשורנאַל, וועלן באַשטימט פאַרגרעסערט ווערן זיינע איניציאַטיוועס, ווען בית-יעקב וועט אַרויסגײַן יעדע צוויי וואָכן און טאָקע נישט אין קיין פאַרקלענערטן פאָרמאַט ווי ביז אַצינד, כאָטש ביי אַ פאַרביליקטן פרייז.

צוויי בקשות האָבן מיר אָבער צו אונדזערע פריינט: 1) אונדזערע פרעסע-קאָמיסיעס זאָלן פאַרגרעסערן די צאָל עקז. כאָטש אויף טאָפּלט אין יעדן אָרט. 2) יעדער גיטרייער צוּם „בית יעקב״ אַלס צוויי וואָכן זשורנאַל, זאָל באַלד

איינצאָלן אויפן גאַנצן יאָר 1931 מיט אַמאָל 10 גילדן.

מיר האָבן צו אייך, אונזערע לאַנגיעריקע פריינט, שוועסטער און ברודער דאָס פולע פאַרטרויען, אַז איר וועט אונדז שטיין

צו הילף און צוזאַמען וועלן מיר אויפבויען אַ מעכטיק בית-יעקב!

אויף אייער ענטפער וואַרטן מיר!

פ א ר ל א ג

**ב י ת - י ע ק ב**

ל אָ ד ז ש

באַמערקונג: מיר וועלן אין קומענדיקן נומער געבן אַ רשימה פון די שטעט, וואָס וועלן האָבן פאַרטאָפּלט די צאָל אַבאָנענטן.

חעט מען נאָך קענין ווידער אָנצינדן דעם נר תמיד, דאָס אייבי-קע יידישע ליכט? פאַר אַ קורצער צייט וואָלט עס נאָך גיגרייכט, אָבער נישט אויף אַזוי לאַנג, ביז ס-וועלן קומין אַנדערע גיטרייע, װאָס וועלן איבערנעמין זייער ירושה און דאָס יידישע ליכט ווייטער דערהאַלטן. אָבער לא בחיל ולא בכח – דא האָט מען גיווזן בחוש, אַז אויך אַ קליין ביסל אייל האָט גיקאָנט אָפּראַטייוון דאָס יידישע ליכט אויף אייביקע צייטן.

אָט אַזוי איז דאָס נס פונים אייל אַן-איבער-חזורונג פון די אַלע גישעענישן פון יענער צייט און פון דעם גרויסן אויפטו פון די חשמונאים. דאָס האָט אָפּגישיילט די גראָבע קליפה פון די אַלע מעשים און האָט מגלה גיווען דאָס פנימיות, גילערנט פאַרשטיין דעם טיפן תוכן, דעם מוסרדיקן רעיון פון דער זאַך. און דעריבער טאַקע דערציילט אונדז די גמרא און דער חנוכה-שיר נאָר דאָס נס פונים אייל, נישט די מלחמות און נצחונות. און דעריבער טאַקע איז דער חנוכה יום-טוב נישט בטל גיוואָרן. ווייל דער רעיון, וועלכער ליגט אין אים און וואָס ווערט דורך דעם חנוכה-ליכטל דערמאנט, איז אַן-אייביקער וועג-ווייזער פאַר די יידישע גיטרייע און איבערגיגעבינע, אַז ווי ווייניק זיי זאָלן נישט זיין קענין זיי האָפן, דאָס פינצטערניש מנצח צו זיין און דאָס אייביקע יידישע ליכט צו דערהאַלטן. זייער צאָל וועט – ווי די ליכטלעך פון חנוכה – וואָס אַמאָל גרעסער און שטאַרקער ווערן און דער נצחון וועט בלייבן אויף זייער זייט, ווייל לא בחיל ולא בכח,

ארפיאם אפשוב אמת ד'.

# אַבאָנאַמענטס-פּרייז פון „בית יעקב"

# אַלס צוויי-וואָכן זשורנאַל. *

## יערלעכער אַבאָנאמענט 10 גילדן

(נאָר ווען די גאַנצע 10 גילדן ווערן איינגיצאָלט מיטאמאָל פארן יאָר 1931 לעצטער טערמין פון איינצאָלן 20 גרודזש. ן 1930)

## האַלב יערלעכער אַבאָנאַמענט 6 זל.

(12 נומערן)

## קוואַרטאל-אַבאָנאמענט 3 גילדן

(6 נומערן)

## חודש-אַבאָנאַמענט 1.20 זל.

## — איינצל-נומער 65 גר. —

פאַרשפרייטער און פּרעסע-קאָמיסיעס באַקומין ראַבאַט פון נאָרמאַלן פרייז פון 65 גר. פון יערלעכע, האַלב-יערלעכע און קוואַרטל אַבאָנענטן, ווערט קיין שום ראַבאַט נאָך אויסנאַם נישט גיגעבן.

הארכיון היהודי

דער אַבאָנאַמענט מוז אומבאַדינגט גיצאָלט ווערן פריער אויס!

— P.K.O. 67.795 :געלט-שיקן —

באַמערקונג: די וואָס האָבן איינגיצאָלט אָנהייב יאָר תרצ"א 8 גילדן, דאַרפן צושיקן 2 גילדן. די וואָס האָבן איינגיצאָלט 4 גילדן דאַרפן צוצאָלן 1 גילדן.

אַבאָנענטן! פילט באַלד אויס אַ טשעק אַלס צבאָנענט אויפן בית-יעקב אלס צוויי-וואָכן-זשורנאַל!

# אקטועלע בילדער



רבי יעקב ראָזנהיים

(פּרעזידענט פון דער אגודת ישראל, צו זיין זעכצי. כטן גיבוירן-טאָג.



הגאון רבי אהרן לעווין

(רײשער רב – פּרעזידענט פון אַלוועלטלעכן אגודה צענטראַל-ראַט) גיוועלט גיוואָרן אַלס סייב-דעפּוטאַט פון אָרט. יידן אין פוילן

וואַנט-מנורה פון 14-יאָרהונדערט



# דער חנוכה פון משה רבינו *)

## הרב ר' שמשון רפאל הירש זצ"ל

דער ערשטער חנוכה איז געפאלן פרילינגצייט. דאס איז אויך געווען ישראל-ס פרילינג. דאס ערשטע יאר פון זיין פרייהייט. און וואס פאר'א יאר! שטורמס און געוויטערס האבן זיך געצויגן דורך ישראל-ס פרילינג, ווייל דורך ווינטן און געוויטערס רייסט זיך דער זומער ארויס פון דעם ווינטערס פראסטיקע קייטן. נאר דורך חבלי-לידה, דורך אינעווייניגדיקע און אויסנווייניגדיקע ראנגלענישן טיילט זיך אפ ישראל, רייסט זיך ארויס, ישראל, דעם אייבערשטנס „בכור" פון דער פארקנעכטיקער מענטשהייט, און וואקסט ארויס א פרייער ג-טלעכער מענטש.

אין די קולות פון די בייזע ווינטן, וואס שטורמען דורך ישראל-ס פרילינג, הערן זיך שוין די אלע מלחמות און קאמפן, סיי די אינעווייניגדיקע, סיי די אויסנווייניגדיקע, וואס וועלן באגעגענען דאס יידישע פאלק אויף זיינע טויזנט יאריקע וואנדער-וועגן.

אין דער מדבר, וואו דער זאמד-שטורם שרעקט נאך עד-היום דעם וואנדערער, פונקט ווי מיט טויזנטער יארן צוריק, וואו ס'גרינען נאך די אאזיסן פון די טייטל ביימער, אין דער מדבר וואו ישראל-ס שבטים האבן אמאל גערוט ביי ג-טלעכע טייכן און וואו ס'ליגן נאך אין די פעלדזן-קברים די מידע ביינער פון אונדזערע אבות, דארט אין דער מדבר האט ישראל געפראוועט זיין ערשטן חנוכה-יום-טוב.

דאס ערשטע יאר פון זיין פרייהייט איז אריבער. און וואס פאר'א יאר! די פרייהייט-נאכט! דאס שטארבן פון די מצריים, די פייניקער, אין זייערע הייזער און גאסן, דאס אויפוואכן פון די שקלאפן אין זייערע געצעלטן, מיט די צוריקגעפונענע געפילן אין די הערצער פון טאטע-מאמע, שוועסטער און ברידער. מיט די ניי-ארומגענומענע שבט- און פאלקס קרובהשאפטן ארום די יידישע הייזער. מי'ס דער גרויסער שטארקער אחדות פונעם גאנצן פאלק צו דעם איינציקן באשעפער וואס האט דאס אלצדינג באשאפן. און דערנאך דער מארגן וואס האט אריינגעשטרומט אין דער זוניקער גאלדענער פרייהייט אן אנזאגידיקער א בשורה-ברענגענדיקער.

דעם עמוד-ענן, דעם עמוד-אש נאכגייעדיק, טיף אין דער מדבר אריין, ביז צום בארטן פונעם ים-סוף, אדורך די ווילדע כוואליעס און ווידער אין דער מדבר אריין. און דארט — וואסער פונעם שטיין, ברויט פון די וואלקן, דער זיג איבער דעם שונא, און די תורה פונעם הייליקן, געלויבט זאל ער זיין, אין אומיטום, ער, דער קדוש ישראל דער גרויסער באשעפער.

דעם אייבערשטנס געוואלטיקע הויכקייט, דעם אייבערשטנס געוואלטיקע נאענטקייט; ישראלס גרויסער שטארקער קינדערישער בטחון אבער אויך ישראלס נחדנישע שוואכקייט ביים בארטן פונעם ים, ביי מי-מריבה... ישראלס צווייפלען ביים פראווען פונעם שבת מן... ישראלס גרויסער חטא ביים מעשה-עגל אין דער נאענט פונעם שכינה-באגלאנצטן חורב...

צוריסן דעם קשר, דעם פארבינד מיט דער באשעפער. אנגעווארן דעם אייבערשטנס קרוין און די לוחות צובראכן, צושמעטערט... און דערנאך דעם אייבערשטנס שטראף די באצאלונג דורך די לוים, צו די דינער פונעם עגל און שפעטער ווידער השי"ת-ס חסד.

און א בית-המקדש, אן קרבנות. און דער נייער געשלאסענער בונד צו די שטיקער פון די צובראכענע לוחות. אויף נייע לוחות דאס אלטע אייביקע געזעץ, די אלטע עשר הדברות, דאס אלץ איז שוין געווען אריבער.

און פאר דעם דאזיקן שוין איינמאל אנגעווארענעם, איצט ווידער-געגעבענעם געזעץ זאל דאס משכן אויפגעשטעלט ווערן. כרובים-פליגל זאלן פון היינט אן שיצן דאס דאזיקע געזעץ און איבער עם דאזיקן באהיט געזעץ זאל די שכינה רוען. ווארן דאס געזעץ איז דער יסוד פאר דעם ווידערקערן, פאר דעם ווידער זיך באווייזן פאר דער גרויסער התגלות פונעם באשעפערס גרויס הערלעכקייט אויף דער ערד.

די פראכט פונעם איינציקן באשעפער, דעם יחיד ומיוחד! וואו די שכינה רוט, וועט אויך רוען דאס גליק פון גן-עדן, די חדוה פון גן עדן, און דאס קען זיין דער וועגווייזער צום עץ-החיים, צום בוים פונעם אייביקן לעבן. און פארדאס האלטן די אלטע היטער פונעם וועג צום עץ-החיים, די וועכטער פון גן-עדן, זייערע פליגלען אויסגעשפרייט איבער דעם ארון-הברית. דעם ארון פון די הייליקע לוחות, פונעם אייבערשטנס בונד.

און נישט די פירער, נישט די נשיאים, נישט די עלצטע און נישט די פארשטייער, נאר דאס פאלק האט געבראכט די נדבות צום ערשטן הייליקן בנין פונעם אלקי ישראל... פון דעם מחצית-השקל פון די האלבע שקלים וואס ארים און רייך האבן אלצאיינס מנדב געווען, קיינער נישט מער, קיינער נישט ווייניקער, זענען אויפגעשטעלט געווארן, די פיס פונעם משכן, וואס האבן געטראגן דאס גאנצע ג-טליכע מקדש.

דער גרויסער אלגעמיינער אחדות פונעם גאנצן פאלק, פאר דעם איינציקן הייליקטום, איז געווען דער יסוד פונעם משכן...

פון די האלבע שקלים, וואס סיי ארים, סיי רייך האבן מנדב געווען האט מען אויסגעהאלטן די כלל-קרבנות. אין דער ריינער הייליקייט וואס וועט ארויסוואקסן פונעם דאזיקן מקום-קדוש פארן גאנצן פאלק זאל דאס דאזיקע מקדש געפונען זיין תיקון און זיין ציל דערגרייכן.

נישט אהרן הכהן, משה, וואס האט מקבל געווען די תורה פונעם אייבערשטן האט דאס משכן אויפגעשטעלט. ער האט אויפגעבויט דאס ארט פאר דער תורה, דעם משכן-העדות. ער האט געברענגט די ערשטע הייליקע קרבנות. צו משה-ן האט יעדער געברענגט זיין טייל פארן משכן. ער האט אלץ איבערגענומען אין זיין האנט אריין, פאר השם יתברך און פאר דער תורה. ווארן די תורה איז געווען די נשמה, דער תוך און דער תכלית פונעם ערשטן מקדש אויף דער ערד. דאס ארט פון דער תורה איז געווען זיין קדשי קדשים, פאר דער תורה האט מען אויפגעשטעלט זיינע מזבחות. דער אש-דת, דאס תורה-פייער האט געפלאקערט אויף זיינע מזבחות, און ארויפגעטראגן דאס מסירת-הנפש פונעם יידישן פאלק פאר דעם כסא הכבוד פונעם אלקים צבאות, און איבער די כרובים וואס האבן געהיטן די לוחות הברית האט גערוט די הייליקע שכינה און איר גלאנץ האט געשיינט אויף דער גאנצער ערד. זיבן מאל האט משה דעם משכן אויפגעשטעלט, זיבן מאל האט משה דעם משכן צונומען, זיבן טעג פון גרויסער ריינער קדושה זענען אריבער, זיבן טעג האט משה דעם אייבערשטנס שליח געברענגט קרבנות, נאר אלץ האט זיך די פראכט פון דער שכינה נאך נישט געהאט אנטפלעקט, ווארן זיין כביכול-ס שליח און דעם פאלקס שליח האבן ערשט געדארפט מקריב זיין די הייליקע קרבנות, און דעם אכטן טאג האט משה געזאגט צו אהרן הכהן און צו גאנץ ישראל: זה הדבר אשר צוה ד' תעשו, וירא אליכם כבוד ה'—אצינדערט מוזט איר אויספירן דאס דאזיקע ווארט וואס

---

*) אין די שריפטן פון ר' ש"ר הירש ז"ל איז דא אן אפהאנדלונג איבער די פיניף חנוכה-ס דער חנוכה פון משה רבינו (חנוכת המשכן) דער חנוכה פון שלמה המלך (חנוכת הבית) דער חנוכה פון זרובבל, דער חנוכה פון די מכבים און דער חנוכה פון לעתיד לבא. מיר ברענגען דא א קיצור פונם ערשטן מאמר אין דער איבערזעצונג פון אליעזר שינדלער.

**די רעדאקציע**

# מיט אונדזער פאָן אין דער האַנט!

פון **אסתר שושנה**

דער וועלט-שטורם איז בה"ה שוין פאַרביי. מען דאַרף צופרידן זיין, וואָס די וועלט-מלחמה, בעת וועלכע דער מענטש ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גראַפּיטוויסקע חיה קומט נאָר פאַר אַמאָל אין אַ פּאָר יאָר. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די מוראַדיקע בילדער, וואָס איך האָב געזען מיט דריי יאָר צוריק, בעת די סיים-וואַלן. איך האָב דעמאָלט אַ אַקטיוון אָנטייל גענומען אין קראָקע, אין קאַמף פאַר דער אָרטאָדאָקסישער ליסטע. פאַר מיינע אויגן זעען זיך נאָך יעצט די אָרימע פאַרדריכערטע שטיבלעך, די נאַסע קעלער-לעכער, די דאָרט געפונענע אויסגעגלעטע קינדער פנימלעך. יענע הארצרייסנדע בילדער, וועלן קיינמאָל נישט פאַרשוואונדן פון מיינע אויגן. איך האָב ביי זיך געטראַכט, אַז דאָס פּאָליטישע רייסעניש איז אַ העסלעכע זאַך, דאָס באַרויבט נאָר דעם מענטש-ס צייט מיט גאָרנישט. בעסער טאַקע, ברויט און קוילן צו געבן די פאָר אָרימע הונגעריקע און געפרוירענע, איידער זיי צו שפּייזן מיט פּאָליטישע שטיקעס...

פאַרשטייט זיך, די תורה-טרייע יידן האָבן דאָס טאַקע געמיינט. אָבער דערפאַר האָבן אונדזערע ברודער אָנגעפיילט די פוסטן אויף זיי, די שונאים פון תורה און יידישקייט, האָבן אויסגעלאַכט דאָס ביטערע אָרימקייט און די שרעקלעכע נויט פונים יידישן מאַסן-מענטש.

יאָ, די „זיבעצענער" זענען דאָס מאָל אַרומגעגאַנגען איבער די שטובן און צוגעזאָגט דעם שיך, יענעם קוילן, איינעם ברויט, דעם צווייטן אַ דירה, דעם דריטן אַ אַרבייטס-שטעל א. אַ. וו. מיר האָבן דעם פּאָליטישן שאַנטאַזש נישט געמאַכט. פאַרוואָס? ווייל פאַר אונדז עקזיסטירט דער „מדבר שקר תרחק" און אונדזער כח איז נאָר „הקול קול יעקב"...

מיר האָבן געזען ווי אַלטע און יונגע יידן ווערן געשלאָגן און עס האָט אונדז געוואונדערט, פאַרוואָס די ערד עפנט נישט אויף איר מויל איינצושלינגען די מאָדערנע קרח-ס.

אמת, מיר האָבן געצווייפלט צי וועלן נישט די דאָזיקע מענטשן באַקומען דאָס רעכט צו רעדן אין אונדזער נאָמען. מיר האָבן געציטערט, אַז עס זאָל חלילה נישט אויף אונדז ווייטער דער פריידענקער באַקומען די הערשאַפט. מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, וואָס עס שטייט אייגנטליך אין געפאַר, אונדזער כבוד, דער כבוד פון ג—טס פאָלק, די תורה, דאָס הייליקסטע פון הייליקסטן פון אונדזער אומה. עס איז אונדז געוואָרן דושנע, שרעקליך אומעטיק און ענג,* עס האָט אויסגעפעלט לופט..

*

אָבער ג—ט האָט אונדז נישט פאַרלאָזט, דער טאָג פון באַצאָלונג איז געקומען. זיי זענען שוין נישט מער די פירער פון עם-הספר. דער אַלטער ישראל האָט דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן. אונדזער יוגנט האָט זיך אויפגעוועקט און מיר האָבן נישט דערלאָזט, אַז אין נאָמען פון יידישן פאָלק זאָל האָבן די מעגלעכ-

השי"ת האָט געבאָטן, און פאַר אייך וועט זיך אַנטפּלעקן ג—טס הערלעכקייט.

און זיי האָבן אַזוי געטוען, אהרן הכהן האָט געבראַכט אַלע זיינע קרבנות, אַלע קרבנות פונים פאָלק און משה ואהרן זענען אַריין אין אהל-מועד, אַרויסגעקומען און געבענטשט דאָס פאָלק, די שכינה האָט זיך אַנטפּלעקט פאַרן גאַנצן פאָלק, דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך פאַר פרייד אַנידערגעוואָרפן אויף זייערע פנימער, דער משכן-העדות איז געהייליקט געוואָרן. דאָס איז געווען דער ערשטער חנוכה.

קייט צו רעדן אַזעלכער, וואָס האָט שוין לאַנג נישט קיין שייכות מיטן אמתן יידנטום, מיט דעם, וואָס די יידישע נויטן גייען גאָר נישט אָן. און יעדער ווייסט שוין טאַקע אויך, אַז אין קאַמף זענען נישט בלויז געגאַנגען די מענער, נאָר טאַקע אויך די פרויען, און די יונגע מיידלעך. מען האָט אונדזערע בנות-חברות נאָכגעשריגן „מאַנישקעס", „קלאַשטאָרניצעס" און נאָך אַזעלכע זידלערייען. אָבער ווער האָט אויף דעם געקוקט? מען האָט אפילו אונדז נאָכגעשריגן „רביצינס" און זיי האָבן בעת מעשה פאַרגעסן, אַז זיי אַגיטירן דאָך אויך פאַר אַ רב (אין בענדינער קרייז האָט קאַנדידירט צום סענאַט הרב רובינשטיין).

די „בנות" האָבן זיך געפרעגט: מיר גייען צו אָרימע, צו די נויט-באַדערפטיקע, וואָס וועלן מיר זיי זאָגן? קיין ליגנט קאָנען מיר דאָך נישט זאָגן, און יענע זאָגן דאָך כלומרשט צו גאַנץ עולם הזה. מיר האָבן זיי געענטפערט: זאָגט זיי, אַז מיר וועלן טון, וואָס מיר וועלן קענען, און עס דערציילן די בנות-אגודיסטקעס: אויף איין אָרט האָבן מיר וועש געמאַנגלט, כדי די מיידלעך און פרויען דאָרט זאָלן קענען וועלן. איינע דערציילט, אַז זי האָט יענעמס מיטאָג אָפּגעקאָכט, אַ אַנדערע האָט קאַרטאָפל געשיילט און איך — דערציילט אַ יונגע חברה — האָב אַ קינד געניאַנטשעט. איין פרוי האָט מען טאַקע געגעבן אַ פּאָר שיך, זי זאָל קענען גיין צו דער אורנע און שוואַכע האָט מען אויף דראָזשקעס געפירט. יאָ, די „בנות" האָבן גלענצנד אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. פון אינדערפרי אָן ביז שפּעט ביינאַכט האָבן מיר געקעמפט און אַצינד, נאָך דעם קאַמף, גייען מיר צוריק אין אונדזער שטוב צו אונדזער שטילער, רואיקער אַרבעט און עס וואַרט שוין אויף אונדז אַ נייער עקזאַמען, באַווייזן, דאָס אונדזער אידעאַל דרינגט אַריין אין די ברייטסטע פרויען-קרייזן.

*

יאָר-יערלעך קומט צו דיר די דערמאַנונג אין דער פאָרם פון פירן אַ ווערבירונגס-אַרבעט, פאַרשפּרייטן די תרומת-חברה. מיט דער תרומת-חברה דאַרפסטו גיין פון הויז צו הויז און דערמיט באַווייזט דו, ווי אַזוי מען אַרבעט פאַר אַ אידעאַל אין דער שטיל, ווי עס פּאַסט טאַקע פאַר אונדז, בנות ישראל. אויף דער „תרומת-חברה" איז אויפגעשריבן אונדזער גאַנץ פּראָגראַם: „אשה יראת ד' היא תתהלל" און דאָס איז טאַקע אונדזער פאָן. די שטילע ווינטער-אַרבייט הייבט זיך אָן מיט דער „תרומת חברה" און דערנאָך גייען מיר איבער צו אונדזער עבודת הקודש, צו ווייזן דעם ווירקלעכן וועג פון יראת ד' ביי דער פרוי.

די פונאַנדערגעוואָרפענע תרומת-חברה-בלעטלעך אין די יידישע שטיבן, וועלן דאָרט אָנהויבן לייכטן און ווען די יודישע הויז-ווירטן, די יידישע טאָכטער וועט קוקן אויף דעם תרומת-חברה-בלעטל וועט זי זיך דאָרט פאַרטראַכטן, אַז עס לעבט נאָך היינט אַ יידישע פרויען-מאַסע. וואָס האָט פאַרשטענדניס פאַר דער נצח-אידעע פון ישראל.

מַחִיל אֶל חָיִל דאַרפן מיר גיין, פון איין אַרבעט צו דער צווייטער גייען מיר אַצינד איבער.

גיי אַרויס מיט אונדזער פאָן אין דער האַנט, מיט שטאָלץ און מוט און קום צוריק ווי די אַמאָליקע רות מיט פולע זאַנגען-גאַרבן.


דאָס אינטערעסאַנטע בוך פון

ד"ר. שלמה בירנבוים

**יידישקייט און לשון**

צו באַקומען אין אונדזער אַדמיניסטראַציע

פּרייז 3.50 — פּריעראויס אריינשיקן געלט.

# תהלים ע"ט

## אגיזאנג פון אָסף

געצנדינער זיך אַריינגעדריסן אין דיין לאַנד,
פאַראומריינִיקט דיין הייליקן בית-המקדש,
גימאַכט אַ וויסטיניש פון ירושלים...

די טויטע קערפּערס פון דיינע דינער
גיגעבן צופרעסן צו די פייגל פון הימל,
דאָס פלייש פון דיינע פרומע פאַר די
חיות פון לאַנד.

זייער בלוט פאַרגאָסן האָבן זיי ווי וואַסער
אַרום ירושלים, ווער ס-זאָל באַגראָבן קיינער גישט

צו אונדזערע שְכֵנים זענין מיר אַ שאַנד גיוואָרן,
אַן אָפּלאַך און גישפּעט צו אַלע אַרום אונדז.

ווילסטו באַשעפער אייביק אויף אונדז צאָרנין,
זאָל ווי פייער ברענין דיין באַצאָלונג ?

דיין גרימצאָרן גיס אויס אויף די געצנדינער
וואָס ווילן דיך נישט קענין, אויף די מלוכות
וואָס ווילן דיין נאָמין נישט דערמאַנין...

וואָרן יעקבן האָבן זיי פאַרצערט,
זיין היימלאַנד צושטערט...

נישט גידענק אונדז די זינד פון אונדזערע פאָטערס,
זאָל דיין ליבשאַפט אונדז אַקייגן קומין באַלד,
ווייל גיפאַלן זענין מיר...

העלף אונדז, באַשעפער, אונדזער העלפער,
וועגן דעם כבוד פון דיין נאָמין, זיי אונדז מציל,
זיי אונדז מוחל אונדזער זינד, צוליב דיין נאָמין.

פאַרוואָס זאָלן די געצנדינער זאָגן
וואו איז זייער ג–ט ?
פאַר אונדזערע אויגן זאָל באַקאַנט ווערן
צווישן די געצנדינער, די באַצאָלונג,
פאַר דעם פאַרגאָסינים בלוט-פון דיינע דינער.

זאָל קומין פאַר דיר דאָס צער-גישריי
פון די גיבונדינע, מיט דיין גרויסער האַנט
היט אָפּ די פאַרמשפּטע צום טויט.

אונדזערע שכנים באַצאָל זיבנמאָל
אַזויפיל אין זייער שויס, פאַר דער שאַנד
וואָס זיי האָבן פון דיר גישפּעט, מיין האַר !

מיר אָבער זענין דיין פאָלק, און די שאָף
פון דיין פאַשע, תמיד ווילן מיר דיר דאַנקין,
פון דור צו דור דערציילן דיין לויב...

ייִדיש: אליעזר שינדלער

ארכיון אסופות
הארכיון היהודי



מ.ש.

### פון אליעזר שינדלער

## חַנוּכָּה

בלאָזן זאָל דער ווינט מיט מורא,
שרעקן מיט זיין ווילדער מאַכט,
ישראל שטייט פאַר דער מנורה,
דינט זיין ג–ט מיט פרייד און פראַכט.

ווי אַ כהן אַ גיטרייער,
צינט ער אָן די ליכטעלעך אכט,
הייליק ברענט דאָס יידיש פייער,
אין דער לאַנגער גלות-נאַכט.

## לְשוֹן-הַקוֹדֶש

לשון-הקודש אייביקע שפּראַך,
קרוין פון דער יידישער אוּמה*
תִּפאֶרֶת, קדושה, פאַרמאָגסטו אַסך,
ביסט ריין ווי ישראלס נשמה.

שׂרָפִים, אוֹפַנים, בענטשן און לויבן,
ס-גלאָצן אין דיר די כרובים..
לשון פון ריינים, פון ג–טלעכן גלויבן,
פון תורה, נביאים און כתובים.

## ייִדיש

יידיש לשון, פשוט לשון,
פון די טאַטע-מאַמים,
ביסט דאָך מלא-חן אַזוי
ווי בלימעלעך אין תמוז. —

יידיש לשון, האַרציק לשון,
פון מיליאָנין ברודער. —
ר' יצחק לוי האָט מיט דיר
גישאַפן פרומע לידער...

ס-האָט ר' נחמן מעשה-לעך
אויף יידיש אונדז גיגעבן.
יידיש לשון, מאַמע לשון,
פרייד פון אונדזער לעבן...

---

# „די יידישע נשמה" פון אליעזר שינדלער

## מיט אַ הקדמה פון ד ר. נתן בירנבוים

ווערט זיין דאָס ערשטע פיין-ליטעראַריש אָרטאָדאָקסישע לייענבוך פאַר שול און היים !

— ערשיינט דעם הייַנטיקן חודש ! —



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 060 a הודפס מתוך הארכיון היהודי עמוד 8 מתוך 20

שמואל באדלער

# די מגילה פונים שפּײַ

... יום יום מן יגצרוהו, גם מחמול גם משלשום תצאן הקריאות בקריות, תקראן לעם לשמוע מפיהם מיטב דבריהם, בדרו ושלמו ובני ישראל באו בתוך הבאים ..
עקידת יצחק, הקדמה.

(יעדן טאָג פּראוואוט מען זיי שמדין, פון נעכטן און איערנעכטן רופט מען אויס אין די שטעט צו קומען הערן זייערע דרשות און טענות, און אויך די יידן זענען צווישן די קומינדיקע.)

... אע״פ שפרשנו כפינו לאל זר, לא שכחנו שם אלהינו...
ר׳ יצחק אבארבנאל, פ׳ נצבים

(באַטש מיר האָבן אויסגישפּרייט אונדזערע הענט צו אַ פרעמדן ג-ט, האָבן מיר דאָך דעם נאָמען פון אונדזער ג—ט נישט פאַרגעסן).

**דער** אַלטער קלויסטער פון סאַן פּעטרא איז גיוועזן גיפּאַקט. ליכט, אָן אַ שיעור ליכט האָבן גיברענט און דער ווייַרויך פונים אויסגיפּוצטן רויט-שוואַרצן מזבח האָט זיך שווער גילייגט אויפ-ן אָטעם. די מזרח-וואַנט האָט גילאָכטן פייערלעך, גיפּלישטשעט, גישימערירט מיט טויזנטער איידל שטיינער און גלעזערנע זשיראַנדלען. אין דער רעכטער זייט, דאָרט ווי דער גיקרייציקטער האָט אָנגיבויגן זיין קאָפּ אויף דער תליה, זענען גיזעסן די אַדל-לייט פון טאַראַגאָנע, הויכע גלחים, גראַנדן, סעניאָריטעס. דער יונגער גלח, אַלאָנזאָ דע סאַנטא-פּע האָט גיקנייט אויפן ווייכן, רויטן טעפּיך, אַ מתנה פונים קעניגליכן הויף.

אונטן ביי דער טיר, צונויפגיפּרעסט צווישן דער טיר און די קאָלומנעס זענען גישטאַנען די „האַרטנעקיקע, פון ג—ט פאַרשאָלטינע נישט-גלייביקע" טאַראַגאָנער יידן, מיד פונים היציקן וועג, צעוויטיקט פון די שמיץ, וואָס מען האָט זיי גיגעבן ביים צונויפטרייבן אַהער, צובראָכן פון דער שאַנד. זענען זיי גישטאַנען, מאַנסבילן און ווייבער, אַלטע און יינגע, איינגיבויגן אין דרייען, אַראָפּגילאָזט די אויגן, פאַרביסן די ציין, ווי אויס אַ מורא, אַז די אייגינע ליפּן זאָלן נישט פאַראַטן, זאָלן זיך נישט אַרויסכאַפּן פון זיך אַליין דאָס וואָרט, וואָס גיט כבוד דעם שונא.

דאָס אָנגעשטרענגטע וואַרטן איז גיוואָרן פּיין, דאָס נישט - וויסן וואָס ס׳וועט זיין האָט גידרוקט אויפן האַרץ און גימוטשעט. דער באָדן, דער אויסגיפּלאַסטער מיט מאַרמאָר האָט גיברענט אונטער די פיס מיט זיין פרעמדקייט, מיט זיין טומאה; פאַרוואָס עפנט ער זיך נישט אויף און עלינגט זיי נישט איין ווי קורח-ן? און איבער זיי האָט זיך גיוועלבט אין הויכער טונקלקייט דער גימאָלינער סופיט מיט זיינע „הייליקע" פון ציגל-פאַרב, פּעך-שוואַרצע שדים און ווילדע אָרגיאַסטישע קערפּער גיפּלעכטן, פאַרוואָס שפּאַלט ער זיך נישט און פאַלט נישט אַראָפּ מיט זיינע ציגל און שטיינער אויף זייער קאָפּ און האַלדז און נאַקן צו באַגראָבן זיי אויף אייביק?...

די תפלות האָבן נאָך גידויערט. מען האָט גיזונגען קאַפּיטלעך תהלים פונים יידישן מלך, אין אַ לשון וואָס נישט ער און נישט זיינע אייניקלעך האָבן עס פאַרשטאַנען, ביי אַלאָנזאָ האָבן די נאָזלעכער גיציטערט פאַר גויפרעגונג און שנעלע מחשבות-ן, ווי די פאַרסמטע מייז, זענען אים אַרומגילאָפן אין מוח. ער האָט גיזוכט און גיפילט, אַלע אויגן זענען היינט גיווענדט צו אים און שטעכן אים דורך ווי שפּיזן. אויבנאָן זיצט — ער זעט אים מיט צוגימאַכטע אויגן, מיט אַלע חושים, מיטן גאַנצן לייב, — דער בישאָף מיטן גאָלדינעם צלם, מיט דער רויטער אינפולע, מיטן גאָלדינעם שטעקן, און גיקומען איז ער אינים שליחות פונים פויבס, זיין הייליקייט בענעדיקטוס דער דרייצנטער, און גיקומען איז ער, כדי אים אויסצומוסרן און צו משפּטן, ווייל צוגיטראָגן האָט מען קיין רוים אויף דעם גלח אַלאָנזאָ דע סאַנטאַ-פּע, בכן „ער טוט זיך נישט אויפפירן לויט דער הייליקער רעגל, און דעם כבוד פונים פּריסטערלישן שטאַנד טוט ער פאַרשוועכן, און שפּייזט דעם אומריינים גוף מיט אומווערדיקע מעשים און טוט זינדיקן im Baccho et Venere, צו דער בושה און צו דעם צער פון זיינע חברים גלחים, און פון אונדזער הייליקער מוטער די קירך, און פון אונדזער כבוד-פאַרכטיקן פאָטער אין רוים..."

שלאַנגין מיט האָניק אויף דער צונג! ער וועט זיי ווייזן, זיינע חברים, שונאים, מוסרים. זיי וועלן זיך אין אים נישט דערלעבן קיין נקמה, ער מוז אויפגירעכט און דערהויבן ווערן. ער וועט זיי ווייזן וואָס ער קען, זיין נשמה איז פלאַם און ווינט, פלאַם און ווינט. ווער נאָך רעכט אָפּ מיט אַזאַ התלהבות אַלע תפלות ווי ער! גאָטס וואָרט אין זיין מויל וועט ווערן אַ דונער, אַ בליציקע שפּיז. די נביאישע קויל גליט אויף זיינע ליפּן. היי, וועט ער זיי ווייזן זיין כוח! אַ וואָרט וועט ער זאָגן, און אַ פייער פון גאָט וועט אַראָפּפאַלן אויפן מזבח, און אַלע אָרנאַטן און צירונגין וואָס אויף די איבריקע גייסטליכע וועלן טונקל ווערן, וועלן ווערן שטויב; און די יידן, די פאַרביסינע היינט, וועלן אַנידערפאַלן אויף די קניעס, און זאָגן מיט תחנונים: ערשט דו האָסט אונדז גיוויזן דעם אמתן וואונדער...

און אַ מאַך וועט ער טון מיט דער האַנט — און אַלע מאַרמאָרנע און גיפּסינע פיגורן, און אַלע פאַרביקע געמעלן וועלן לעבידיק ווערן און אַראָפּגיין פון די ווענט און פון זייערע פּרעדעסטאַלן, און אַרומרינגלען אים, זינגידיק און טאַנצידיק. און די וועלבונג וועט זיך עפינען, מלאכים וועלן שוועבן און דער האַר וועט אַראָפּנעמען זיינע פאַרשוועקעוויסטע, צובלוטיקטע הענט פונים קרייץ און אַרויפלייגן אויף זיין קאָפּ און אים בענטשן זיס און שטיל: זון מיינער! ve, ave, atque Vale

די תפלות האָבן זיך גיענדיקט און יעדער האָט איינגיהאַלטן דעם אָטעם. דאָס פלוצימדיקע שטול-ווערן האָט אים אויפגיוועקט און ער האָט זיך אומגיקוקט, ווי אַן-אויפגישטאַנינער פונים שלאָף. אַ ים פון אויגן, אַ שוואַרצער, צועפּענטער תהום פון שווייגן, וואַרטן. ער שטייט אויף; פאַרלוירן דעם מוט, די זיכערקייט, די גבורה. די פינצטערע, גיפּטיק-צופינקלטע בליקן רייסן פון אים אַראָפּ די הייליקע בגדים, טוען אים אויס נאַקיט, שינדן פון אים די הויט, שענדן אים. מיט ציטערנדיקע הענט, מיט ציטערנדיקע פוס גייט ער אַרויף, ווי צו דער שחיטה, אויף דער אמבאָנע.

אַ צגליטע היץ, ווי פון אַ קאַלך-אויוון האָט אים אַ שלאָג גיטאָן אין פנים און אַ נעפּל האָט פאַרשטעלט זיינע אויגן, נאָר ווי אַ ווייט ליכט האָבן אים גישיינט אין זכרון די לאַטיינישע פּסוקים, די גוט-איינגיחזרטע, זיין אָנהאַלט אינים צוכוואַליעטן וואַקלעניש. ער פלעגט דאָך זיי תמיד אַזוי שיין רעציטירן, קלאָר און פּרעכטיק, מעכטיק און איידל. ווי זיין וויגל וואָלט גישטאַנען ביים טיבור און אין דער צייט פון די אויגוסטן וואָלט גיווען זיין גיבוירן - טאָג.

און ער דערציילט מעניגא דיומא, די וואונדערלעכע נסים פונים הייליקן אריגינעס, מיט משלים פון זיין לעבן דערוואַרימט ער די גלייביקע צו גיין אין זיינע וועגן און גיט צו אַ בהכה די מאמינים, וואָס דאָס געטלעכע שפּאַלע האָט אויסגילייזט מיט זיין בלוט.



ארכיון אסופות
הארכיון היהודי
בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 060 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 9 מתוך 20

# דינה די „גדולה“

## (איר לעבן און ווירקן)

**דינה** וואָל, באַקאַנט מיטן ביי־נאָמען די „בריסקער רביצין“ אָדער די „גדולה“, איז געווען אַ גרויסע מיוחסת, אַן אייניקל פונים גרויסן און וועלט־באַרימטן שר רבי שאול וואָל, וועלכער האָט געלעבט אין זעכצנטן יאָר־הונדערט און איז געווען עטליכע טעג אַ קיניג איבערן פוילישן לאַנד (די געשיכטע פונים קיניג ר׳ שאול וואָל איז יעדן באַקאַנט), און די פרוי פונים באַרימטן בריסקער גאון רבי יהושע העשיל, וועלכער איז שפּעטער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין דער שטאָט בראָד, אין גאַליציע.

דינה וואָל איז געבוירן געוואָרן אין בריסק ביי רייכע און פרומע עלטערן, און זי איז דערצויגן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אין גרויס וואוילשטאַנד און פאַרבראַכט איר יוגנט אין העכסטן גליק.

דינה האָט באַקומען די בעסטע דערציאונג פון יענער צייט און זי האָט געלערנט אין חדר. אירע מלמדים האָבן זיך גאָרנישט געקענט אָפּוואונדערן פון איר זעלטענעם שכל און שאַפֿן קאַ[illegible]

ווען דינה איז געווען אַ מיידעלע פון צען יאָר אַלט, האָט זי דערקלערט פאַר איר פאָטער אַ שווערע שטעלע אין דער גמרא, וואָס איר מלמד האָט זיך דערביי אָפּגעשטעלט און נישט געוואוסט ווי אַזוי צו לערנען. איר פאָטער — הערנדיק די דערקלערונג פון זיין טעכטערל — האָט זיך אָנגערופן: „אוי, דינהלע, ווען דו וואָלסט געווען אַ ייִנגל!“...

— וואָס־זשע וואָלט געווען? — האָט זיך דינהלע צולאַכט.

— וואָלסטו געזאָגט צו דיין בר־מצוה אַ שיינע דרשה — האָט איר פאָטער געענטפערט.

— סיי ווי וועל איך זאָגן אַ דרשה בעסער ווי אַ ייִנגל — האָט דינהלע געזאָגט און זי האָט זיך געזעגנט צו גיין אין חדר אַריין.

הארכיון היהודי

שפּעטער מיט צוויי יאָר, ווען דינהלע איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, האָט זי געבעטן איר פאָטער, ער זאָל מאַכן אַ סעודה צו איר צוועלפטן געבוירן־טאָג און זי וועט דערביי זאָגן אַ דרשה אויף דער משנה: „כל מצוות־עשה שהזמן גרמא נשים פטורות בהן“.

איר פאָטער האָט איר צוליב געטון, געמאַכט אַ סעודה צו וועלכער ער האָט פאַרבעטן די חשובסטע יידן פון דער שטאָט און דינהלע האָט געזאָגט אַ טיפזיניקע דרשה, אַז אַלע צוהערער זענען איבערראַשט געוואָרן און נישט געקאָנט גלייבן זייערע אייגענע אויערן.

נאָך דער דרשה האָט איר גליקלעכער און צופרידענער פאָטער זי אַרומגענומען, אַ קוש געטון אין קאָפּ און אויסגערופן: „אַ גדולה אויף דיין קאָפּ, מיין טייער קינד!“

— נו, בין איך נישט בעסער פון אַ ייִנגל? — האָט דינהלע געפרעגט ביי איר פאָטער.

— פאַרוואָס „בעסער“?

— דערפאַר, ווייל ביי אַ ייִנגל וואָלט דער טאַטעשי געמוזט וואַרטן נאָך אַ יאָר ביז צו דער בר־מצוה דרשה, און איך קען זאָגן פריער — האָט דינהלע געענטפערט מיט אַ זיגערישן טאָן.

ווען דינה איז נאָך געווען גאָר יינג האָט איר פאָטער זי חתונה געמאַכט מיט אַ בחור אַן עלוי פון אַ שיינער משפחה אין בריסק. איר מאַן האָט געפירט גרויסע געשעפטן צוזאַמען מיט זיין רייכן פאָטער; און דינה, האָבנדיק אַ גוט האַרץ, האָט זי געהאָלפן יעדן אָרימאַן און נויטליידנדן מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט און זי האָט זיך דערביי געפילט זייער גליקלעך.

ס׳האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט די צייט פון איר צוזאַמענלעבן מיט איר יוגנט־מאַן. אין אַ קורצער צייט אַרום איז איר מאַן קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן, און דינה איז פאַרבליבן אַ יונגע אלמנה.

אין דערזעלבער צייט איז אויך אָפּגעשטאָרבן די פרוי פונים בריסקער גאון רבי יהושע־העשל, וועלכער פלעגט אָפט באַזוכן איר פאָטערס הויז אין דער צייט, ווען דינה איז נאָך געווען אַ מיידל.

שפּעטער מיט עטלעכע חדשים איז דינה־ן איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז זי מוז ווערן ר׳ יהושע העשלס פרוי. אין שטאָט האָט מען אַפילו געזאָגט, אַז רבי יהושע העשל האָט אַ נדר געטון, ער זאָל שוין קיינמאָל נישט חתונה האָבן און נישט נעמען קיין צווייטע פרוי. דינה האָט דערפון געוואוסט, און זי האָט פונדעסטוועגן באַשלאָסן צו מאַכן אַ פּרוּוו און אַליין צו קומען צו ר׳ יהושע העשלין מיט אַזאַ פאָרשלאָג.

וואָס האָט דינה געטון? זי האָט אָנגעשריבן צו ר׳ יהושע העשל אַ שיינעם בריוו אין לשון־הקודש, אין וועלכן זי האָט אים געבעטן, ער זאָל איר דערלויבן צו האָבן מיט אים אַ קורצן געשפּרעך.

דעם בריוו האָט זי אַליין אַוועקגעטראָגן און אים איבערגעגעבן אין דער האַנט פון ר׳ יהושע העשלס שמש, און אים געבעטן ער זאָל אַרויפגיין צום רב און אים זאָגן, אַז זי בעט אים ער זאָל זיך מטריח זיין און אַראָפּקומען צו איר.

האָט דער שמש געטון אַזוי ווי זי האָט אים געהייסן. נאָכדעם ווי ר׳ יהושע העשל האָט איבערגעליינט דעם בריוו, איז ער אַראָפּגעגאַנגען אין דער הינטערשטער שטוב צו הערן, וואָס זי וויל פון אים. ווען ער איז צוגעקומען צו די טרעפּ, האָט ער דערזען דינה־ן שטייענדיק פון הינטן.

— וואָס ווילסטו מיר זאָגן? — האָט ר׳ יהושע העשל אַראָפּגעשריגן. אויף דעם האָט אים דינה געענטפערט מיט דעם מאמר פון דער גמרא: „נחות דַרְגָא ונסוב אִתְּתָא“ (ווערטלעך הייסט עס: גיי אַראָפּ אַ טרעפּ און נעם אַ פרוי).

דער אייגנטלעכער זין פון דעם אויבנדערמאַנטן מאמר איז: אַז ווען עמיץ גייט חתונה האָבן, זאָל ער נישט צופיל קוקן אויף זיין אייגענעם יחוס, נאָר ער זאָל נעמען אַ פרוי, וועלכע שטייט אין יחוס אַ שטאַפּל נידעריקער פון אים. דינה האָט זיך אָבער באַנוצט מיט דעם מאמר פון דער גמרא אין זיין ווערטלעכן זין, איז דאָס אויסגעקומען זייער שפּיציק און שאַרפזיניק...

דער דאָזיקער דרייסטער איינפאַל פון דעם יונגען ווייבל האָט אויף ר׳ יהושע העשלין געמאַכט אַ גוטן רושם. ער איז באַלד אַראָפּגעגאַנגען אין זיין אונטערשטן שטובל און געהאַט מיט דינה־ן אַ קורצן געשפּרעך. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך ר׳ יהושע העשל געלאָזט מתיר נדר זיין און ער האָט חתונה געהאַט מיט דינה־ן.

שפּעטער זענען זיי אַרויסגעפאָרן קיין בראָד און זיי האָבן דאָרט פאַרבראַכט ביז אין די לעצטע יאָרן פון זייער לעבן. דינה האָט אין בראָד זייער פיל גוטס געטון. און נאָך ביזן היינטיקן טאָג גייען אַרום אין יענער געגנט פאַרשידענע לעגענדעס וועגן אירע מעשים טובים. צוליב איר גרויסער חכמה אויסטערלישער קענטניס, איז זי געווען זייער פּאָפּולער און מ׳האָט זי גערופן מיטן נאָמען: די „גדולה“. זי איז געשטאָרבן אין בראָד און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גרויסן נאָמען אויף דור דורות.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 060 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# אין יענער חנוכה-נאכט..

(נאוועלע) פון **גורשון גורא**

בערוועז האט שרה-טשע דעם אָוונט אויפגיעפנט דאָס בוך,
פרואוונדיק מיט אירע צושראָקינע, בלאָנדזשנדע אויגן זיך ווייטער פאַרטיפן אין דעם גרויסן שפאַנענדן ראָמאַן. און גיטראַכט האָט זי זיך, אפשר וועט איר פאָרט גילונגען צו פאַרטרייבן דעם בידאַנקען-ים, די אַלע נשמה - אויפטרייסלונגען, וואָס דער אָוונט האָט איר, נאָך אַזאַ לאַנגע צייט דערמאַנט. אָבער אומזיסט. יעדע שירה האָט פלוצים איר אינהאַלט אָנגיוואוירן, יעדע זייט — ווי אַ לאַנגווייליקע, שלעפּידיקע דערציילונג. די אַלע לעבידיקע און אינטערסאַנטע העלדן זענען איר פלוצים בלייך גיוואָרן, ווי אָן פאַרב, אָן גישמאַק, אָן לעבן.

אַ אייגן בלעטל האָט איר יענער אָוונט פאַר אירע אויגן אויפגיעפנט, אייגענע שורות, איטעריסאַנטערע, לעבידיקערע, מיט פאַרב און שוואונג — אַ בלעטל פון איר אייגן לעבן.

זי האָט ניזעען תחלת אָוונט און זיך צוגיקוקט, ווי איר פאַטערס שטערן-רונצן האָבן זיך פלוצים צושטראַלט. זיין טויט-בלאַס פנים איז מיט אַ הייס ראָז פייערל באַפאַרבט גיוואָרן און זיינע פאַראייניזאַמטע יאוש-בליקן זענען מיט אַ קוואַל ליכט און וואַרימקייט באַגאָסן גיוואָרן, צינדנדיק מיט אַזאַ התלהבות און באַגייסטערונג חנוכה-ליכט, בלייבנדיק דערנאָך אַ לאַנגע צייט זיצן נעבן די שיינע ליכט-פלעמעלעך פאַרטראַכט, פאַרקלערט.

אָט דאָס איז עס גיווען אינגאַנצן. זי האָט גיזעען איר פאַטער צינדן די בלישטשנדע פייערלעך און דאָך, ווי איר האַרץ וואָלט זיך גיעפנט, ווי איר נשמה וואָלט אויפסנייי פון הימל אַראָפּ.

שרה-טשע האָט זיך דערמאָנט:

אַמאָל, אַמאָל, זי איז אַ קליין מיידעלע גיוועזן, מיט אַ יונג קינדיש האַרץ, וואָס האָט גאָר שטאַרק שיינע מעשהלעך גיליבט, איז איינמאָל אין דער זעלבער צייט, חנוכה ביינאַכט, ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל די חנוכה-ליכטלעך אין איר האַרץ דערשפירט, איז זי שטייענדיק אַזוי ביי די ליכטלעך, פאַרטיפנדיק אין זיי אירע קינדישע נאַאיווע בליקן, האָט זי איר פאָטער גיפרעגט:

— טאַטישי, דערצייל נאָך וואָס מען צינט היינט ליכטלעך? ווי אויפגעשטראַלט האָט דאַן איר פאַטער. זי האָט זיך נעבן אים אַנידערגיזעצט, אירע אויגן פאַרטיפט אַמאָל אויף די לאַקנדע שיינע ליכטלעך, און אַמאָל אויף איר פאַטערס שייני רוקע גיזיכט און מיט צאַרטע פאָטערלעכע גלעטן האָט ער איר די גאַנצי מעשה פון חנוכה דערציילט. רואיק, רואיק איז זי גיזעסן איינהערנדיק זיך וועגן דעם וואונדערלעכן קרוגעלע אייל, וואָס איז גיפונין גיוואָרן אין בית המקדש און האָט דורך אַזאַ גרויסן נס גאַנצע אַכט טעג גיברענט; וועגן די גרויסע מלחמה, וואָס די חשמונאים האָבן גיפירט מיט די יוונים, וואָס האָבן אַלע פאַר אויס יידן גיוואָלט מאַכן. גליקלעך איז זי דעמלט אַזוי גיזעסן מיט אַ קלאַפנד פרייעך האַרץ. און דער פאָטער, ער האָט דערציילט און דערציילט, צוגליענדיק מיט יעדן וואָרט ויינס איר נשמה, שטילנדיק איר יוגנטלעכע פאַנטאַזיע. יענים אָוונט האָט זי אַ גאַנצע נאַכט וועגן די חשמונאים גיחלומט, און גידאַכט האָט זיך איר, ווי זי איז מיט די חשמונאים גישטאַנען און מיט זיי די גרויסע מלחמה צוזאַמען גיפירט...

אָט דאָס איינציקע קליינע בלעטלע, דאָס פאַרוואָרפינע און פאַרגעסינע בלומעלע פון איר אַמאָל, פון איר לאַנגער פאַרגאַנגינהייט, האָט זיך איר פלוצים אויפגימישט אין איר קאָפּ און אין יענים אָוונט איר דאָס רואיקייט צושטערט...

זי האָט ווייטער גיטראַכט:

איר פאָטער צינט היינט ווייטער חנוכה-ליכט, אָבער שוין שטייט זי נישט נעבן אים. שוין וויל זי פון אים די אַלטע מעשיות נישט הערן. זי דערקענט, דער פאַטער איז פריילעך, יום-טובדיק גישטימט, אָבער טיף אין זיינע אויגן זעט זי באַהאַלטן טרערן, וואָס זענען שוין פאַרגליווערט גיוואָרן און קענען נישט פון דאָרט אַרויסרינען, צוליב דאָס פרעמדקייט פון זיין טאָכטער, וואָס וויל שוין פון אים נישט הערן און אין זיין דרך נישט גיין.

יאָ, איר פאַטער האָט היינט גיצינדן חנוכה-ליכט, אָבער שוין האָט ער נישט גיבליקט צו זיין טאָכטער שרה-טשע איז דערביי, כדי זיך איינצוהערן זיין הארציקן על הנסים, זיין זיסן גיזאַנג, אַליין, אַליין מוז ער זינגען, אַליין זיך פרייען אָן דאָס שטענדיקע פון אַמאָליקע יאָרן, זיין טאָכטערס באַזיצנדן יידישן חן, יידישן גיפיל.

און דאָס אַלעס איז גאָרנישט לאַנג, אינגאַנצן איייניקע יאָר, ווי דער ווינט האָט זי אַזוי ווייט פאַריאָגט, גאָר נישט לאַנג ווי יעדעס פאָטערלעכע וואָרט איז ביי איר גיוועזן אַ הייליקייט, יעדער בליק — אַ ליכט-שטראַל. זי האָט אין זיין פנים אַ פאַטריאַרך, אַ מלאך גיזען, זיין באָרד — אַ פעלד מיט זילבער בלומען פאַרפלאַנצט און פלוצים, זי ווייס אַליין נישט און אַ קראַפט האָט זי

## די מגילה פונים שפיי

(המשך פון דער זייט 10)

מלאכים וואָלטן זיי אויף די פליגל גיטראגן. זיי זענען באַהעפט אין זייער מקור, אין ווערנדיקן בראשית. זיי זענען דערהויבן-אַרויסגיהויבן אין דער אייביקייט אַריין. און אָן אָפרו און אָן מידיקייט האָבן די מוחות גיאַרבעט אין דבקות און דער שוויס איז גירינען איבער די שין-גיקנייטשטע שטערנס, פאַרגאָסן די אויגן, די פנימער. און די כחשבותדיקע תפלות זענען גיווען בצבור. אַלע זענען זיי איין נשמה און איין גוף, אַרומגיגאַרטלט מיט איין אָדער, און איין האַרץ קלאַפּט אין זיי. איין גוף. נון דער רגע ווען ער איז גיקומען אויף דער וועלט און אָפגיציילט זיינע בלוט-טראָפנס פאַרן ברית-ישראל, ביז צו דער צייט ווען ער וועט אינגאַנצן גיברענגט ווערן צו קבר ישראל, — האָט ער דאָך נאָר גיגעסן דאָס הייליקע ברויט פון אהבה, איינגיטונקען אין זאַלץ פון רדופות! איז וואָס דער חידוש, וואָס ער פילט נישט זיך און איז מיט אַלע אברים און גידים באַהעפט אין כלל? און די נשמה? אויס די מוראדיקע, שווינדלדיקע הייכן לייענט זי דעם ספר היוחסין פונים אייגענים בלוט. אָט האָט אברהם גיברענגט זיין זון יצחק אויף דער עקידה. און זיי ברענגען זיך אַליין און די עקידה גידויערט שעהן, טעג, יאָרן און דעם שונאס שפּאָט אין שאַרפער פונם מאכלת.

אָבער גרויס איז דאָך די אייביקייט, אומענדלעך איז זי און זייער איז זי! מלכות איז אין-סוף. וואָס הערן זייערע אויערן? איז עס נישט דער שאַל, וואָס באַשאַפט די וועלט, וואָס באַשאַפט דאָס ליכט, איז עס נישט: יהי אור!? זענען עס דען נישט די ערשטע תקיעות פונים שופר של משיח?! ווער איז דער שונא? שטויב און אַש. וואָס איז מאכט? אַן ערדישע, אַ נישטיקע. אַ שאַנד בלויז וועט בלייבן פון אים און אַ גילעכטער אויף דור-דורות. איז וואויל זיי, וואָס זיי האָבן זוכה גיווען בייצושטיין דעם נסיון! גליקלעכע, ריינע, דערלייזטע זענען זיי און אַ פרייד איז אין זייער האַרץ! מוז מען אַזש מיט כוח פאַרבייסן די ליפּן, ס-זאָל נישט דורכברעכן און אַרויס דורך זיי פון דער צוזינגינער נשמה דער יומטוב-דיקער הללויה! הללויה! הללויה!

(סוף קומט)



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 060 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

אין גאס. אין דרויסן פארטריבן, איר הארץ, אירע גיפילן אווי פארגליווערט, פארטצמעט. מאכנדיק איר פאטער פאר אן-אפגי-שטארבינים שאטן, פאר א סקעלעט, א מומיע אין זיין וועג, אין זיין פון דורות, דורות לאנגן אויסגיטרעטינים וועג — פארפולט מיט דערנער און שטיינער.

צי איז עס נישט אט דאס קליינע בלעטל, די איינציקע אזוי קורצע שורות פון איר לעבן, א גרויסער זייער אינטערעסאנטער, טראגישער לעבנס - ראמאן פול מיט שפאנונג און טראגישן אינהאלט?

צי איז נישט אט דאס קליינע אפינע לעבנס-ביכל מער אינטערע-סאנטער ווי די גרויסע אזוי פיל זייטיקע. שורות אנגיפינטלטע בוך, וואס ליגט אזוי שטום אויפגיעפנט אויף איר טיש, וואס האט אויך אין איר דאס פרעמדקייט און קאלטקייט איינגיפלאנצט.

און נאך האט זי גיטראכט:

ווי וואונדערלעך איז עס דער חנוכה, די ליכטלעך. מען האט אמאל יידן גיוואלט פריי מאכן, זיי לערנין פרעמדע קולטורן, אויפפראלן אנדערע הימלין. האט איין קליינע, העלדנמוטיקע פא-מיליע פון גיציילטע מענטשן א ווידערשטאנד גישטעלט, און דער זיג איז אויף זייער זייט גיבליבן. צי איז עס נישט א דאס א לימוד, א וועג פאר יעדן איינים, וואס פארטראכט זיך נאר, און קוקט זיך גוט איין אין די באשיידינע פלעמלעך פון די חנוכה-ליכט?

צי דארף זי נישט אמאל זיין אויך פון די, וואס די חנוכה-ליכט זאל איר עפיס ווייזן און לערנין?

* * *

א לאנגי צייט איז שרה-טשע אזוי גיזעסן, גייענדיק פארטיפט אין זי גידאנקין וואס דער אוונט האט פלוצים אין איר דערוועקט. זי איז גיזעסן און זיך אזוי פארטראכט אין אירע יוגנט-יארן, זי האט גיזעען, אז אויפדעם ארט פון יארן פול מיט ליבע און הערלעכן קייט, פול מיט יוגנט-טרוים און ריינע יידישע פאנטאזיע-פליגל, זענין איר גיקומין יארן פון עלנט און איינזאמקייט, אן שטראל פון ליכט, אן גליק, אן פאטער און מוטער...

לאנג, לאנג איז זי גיזעסן ביז ס-האט זיך איר הארץ אינגאנצן צוגליט און איר נשמה האט זיך ווי א ליכט צופלאמט, צופלא-קערט און שטילערהייט, בלויז מיט א איינציקן ליפן - באוועג, האט זי ווערטער ארויסגילאזט:

— צוריק צום אלטן וועג.

און דער פאטער, ער האט גארנישט גיוואוסט, ווי נישט וויט פון אים, אין איר צימער, זיצט זיין טאכטער שרה-טשע און האט זיך מיט א קלאפנד, בענקנד הארץ צוריק צו אים דערנענטערט, און אויפסניי וועט זי שוין וועלן אויסהערן זיינע ליבע חנוכה-מעשהלעך פון אמאל...

ער האט עס נישט גיוואוסט...

— — — —

# אשת חיל

(פון משלי)

מיין פרומער מוטער נעכא בת חנה.

אן אידעאלע פרוי, ווער ס-פארמאגט, מער פון פערל איז איר ווערט.
אויף איר פארלאזן קען זיך דאס הארץ פון איר מאן, זיין פארדינסט וועט קיינמאל נישט גימינערט ווערן.
זי טוט אים נאר גוטס און נישט קיין שלעכטס אלע טעג פון איר לעבן. הארכיון היהודי.
זי קלערט וועגן וואל און פלאקס, אירע הענט ארביטן גיטריי.
זי איז ווי א סוחר-ס א שיף, פון דער וויטנס ברענגט זי איר ברויט.
זי שטייט אויף, איז נאך נאכט, גרייט צו עסנווארג פאר איר הויז גיזינט, צוטיילט שפייז פאר אירע דינסטן.
זי האט גיטראכט וועגן א פעלד און גיקויפט, גיפלאנצט א וויינגארטן פון איר אייגינער ארבעט.
אירע לענדן גארט זי מיט קראפט און שטארקט אירע הענט.
זי ווייסט איר פרנסה איז גיבענטשט, באנאכט ווערט איר ליכט נישט פארלאשן.
אירע הענט שטרעקט זי אויס צו דער שפין-כלי, אירע פינגער האלטן די שפינדל.
זי עפנט איר האנט דעם ארימאן, גרייכט איר האנט דעם נויטבאדערפטיקן.
זי דארף נישט שרעקן פאר קעלט און שניי וועגן איר הויז גיזונט.*
אלע אירע שטוב מענטשן זענין אנגיקליידט אין קארמיזין. ארכיון אסופות
זיך טעפיכער גיוועבט, אירע קליידער פון ביזוס און פארפלוואל.
איר מאן איז חשוב און טייער, ווען ער זיצט מיט די עלצטע פון לאנד.
זי מאכט לייוונט און פארקויפט, ליווערט גארטלין דעם פעניצישן סוחר.
איר קלייד איז פראכט און שיינקייט און זי לאכט אקייגן דעם לעצטן טאג.
איר מויל עפנט זי מיט קלוגשאפט, אויף איר צונג איז די תורה פון גוטסקייט.
זי היט די ווירטשאפט פון איר הויז, און עסט נישט בחנם איר ברויט.
אירע זון שטייען אויף און בענטשן זי, פון איר מאן ווערט זי גילויבט.
גיווען א סך טעכטער גיבענטשטע מיט קראפט, דו אבער ביזט גרעסער פון זיי.
חן איז נישט דער עיקר און נישט שיינקייט די הויפט-זאך, א פרומע פרוי איז תמיד גירומט. —
גיט איר די פירות פון איר אייגינעסט גירעטעניש און בא די טויערן זאלן מען לויבן איר ווערט.

ייד״ש: **אליעזר שיינדלער**



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 060 a הודפס מתוך הארכיון היהודי   עמוד 13 מתוך 20

# אפארצייטישע מעשה נורא

## זכרונות פון פרוי גליקל האמעלן

(גישריבן גיווארן מיט 300 יאר צוריק אין עברי-טייטש)

.8

(סוף פון דער מעשת נורא)

איינמאל איז גיוועזן א זייער הייסע נאכט און דער חסיד האט נישט גיקאנט אנטשלאפן ווערן. אין בארטן זענען גיוועזן זייער פיל שיפן, און די דינער פון די שיפן האבן גיטראכט, ווי אזוי צו פארברענגען די דאזיקע הייסע נאכט. און צווישן זיי זענען אויך גיוועזן דעם חסיד-ס צוויי זון, און זיי האבן נישט גיוואוסט, אז זייערע עלטערן גיפונען זיך אויך דא. און די צוויי בחורים האבן גיזאגט צו זייערע חברים: לאמיר זיך אויסזוכן עפעס א פארווייליגונג צו פארברענגען די נאכט. האבן אלע דערצו מסכים גיוועזן. האבן זיי גיזאגט: מיר וועלן אייך דערציילן א רעטעניש, און ווער עס וועט טרעפן דאס רעטעניש, וועט פון אונדז באקומען צען גילדן, און אויב איר וועט עס נישט טרעפן, וועט איר אונדז געבן צען גילדן. האבן זיי מסכים גיווען און די בחורים האבען דערציילט אזא רעטעניש: מיר האבען גיזעען א זייער שיינע פרוי, אבער זי האט אונדז נישט גיזעען, מיר זעען איר קערפער, אבער מ׳קאן איר נישט אננעמען מיט דער האנט. די שטייט אויף אינדערפרי, א גאנצן טאג ווייזט זי זיך נישט פאר קיינעם, קומט אבער אן די נאכט טוט זי דערשיינען אין א זייער שיינעם פראכט אנגיטון אין די שענסטע צירונג, וואס האט נישט אין דער וועלט קיין גלייכן, אז זי פארמאכט די אויגן עט מען זי, עפנט זי זיי אויף — ווערט זי פארשוואונדן. דאס איז דאס רעטעניש און איצט טרעפט דעם באשייד, האבן אלע גיזאגט: דאס איז א זייער שווער רעטעניש, מען קאן עס נישט באשיידן, צווישן זיי איז אויך גיוועזן אן-אלטער סוחר, האט ער גיוואלט טרעפן דאס רעטעניש, די בחורים האבען אים אבער גיזאגט אז דאס איז נישט קיין ריכטיקער באשייד און זיי האבן זיך גיקריגט א גאנצע נאכט ביז אין דער פרי, און מען האט נישט גיוואוסט וועמען עס קומען די צען גילדן. האט זיי דער שיפס-קאפיטאן אזוי גיזאגט: הערט מיך אויס, ברודער, לאמיר אריינגיין אין פאלאץ אריין צום קעניג זאל ער משפטן ווער עס איז גירעכט. האבן אלע מסכים גיווען דערצו און זענען גיגאנגען צום קעניג.

האט זיי דער קעניג גיפרעגט: פארוואס זענט איר צו מיר אזוי פרי גיקומען? האבן זיי אים דערציילט וואס עס האט זיך צווישן זיי פארלאפן. זיי האבן אים דערציילט דאס רעטעניש און דעם פתרון פון דעם אלטן סוחר.

ווען דער קעניג האט דערהערט דאס רעטעניש האט ער אנגיהויבן שטארק צו ציטערן און ער האט זיך איינגיקוקט אין די צוויי בחורים און דערקענט, אז דאס זענען זיינע קינדער. זיי זענען שוין איצט גיוועזן גרויסע בחורים. האט זיך דער קעניג צו זיי גיווענדיט און גיפרעגט: פון וואנען ווייסט איר, אז דער סוחר האט נישט גיגעבן קיין ריכטיקן באשייד אויף אייער רעטעניש? האבן די ברידער גיענטפערט: אונדזער פאטער האט אונדז דערציילט דאס רעטעניש צוזאמען מיטן פתרון. ובכן קאנען נאר מיר און אונדזער פאטער וויסן דעם אמת׳ן באשייד. האט דער קעניג צו זיי גיזאגט: און אז איך וועל טרעפן דאס רעטעניש, וועל איך דערמיט שוין זיין אייער פאטער? האבן אים די בחורים גיענפערט אזוי: דער מענטש, וואס וועט אונדז טרעפן דאס רעטעניש, איז א סימן, אז ער איז אונדזער פאטער, ווארום מיר ווייסן, אז ער האט קיין מענטש נישט דערציילט דאס רעטעניש אויסער אונדז, זיינע קינדער. און מיר האבן עס נאך קיינעם ביז היינט נישט דערציילט.

איצט האט צו זיי גיזאגט דער קעניג: הערט נאר מיך אויס, אפשר וועל איך אייך קענען געבן דעם ריכטיקן באשייד. איך מיין אז די שיינע פרוי איז די יוגנט-צייט פונם מענטש. א גאנצן טאג קלערט ער נאר וועגן שיינע פרויען, און דעריבער זעען זיי ביינאכט אינים חלום אויך נאר שיינע פרויען, אבער זי זעט גארנישט, מייל זי ערשיינט אין דער פינסטערער נאכט, אין חלום, און די אויגן העלפן אונדז גארנישט. ווארום, ווען מען מאכט זיי נאר אויף, ווערט דער חלום צוריגין, אינדערפרי ווערט זי פארשוואונדן, דאס מיינט די צייט, ווען דער מענטש שטייט אויף פון שלאף, און ווען טען איז וואך זעט מען נישט קיין חלומות, און אזוי בלייבט זי א גאנצן טאג פארהוילן, און נאר ביינאכט דערשיינט זי ווידער אין קליידער און צירונג, וואס איז נישט דא זייער גלייכן, ווארום די קליידער און די צירונג זענען דאך אויך נאר אין חלום, דאס איז דער באשייד, און אויב איר האלט עס פאר ווירקלעכן באשייד, קאנט איר זיין מיינע קינדער.

די צוויי בחורים האבן זיך זייער שטארק פארוואונדערט, ווען זיי האבן גיהערט דעם פתרון, זיי האבן זיך איינער דעם צווייטן אנגיקוקט, און זיי האבן דערקענט, אז דאס איז טאקע זייער פאטער, און פאר גרויס פרייד האבן זיי זיך זייער שטארק צעוויינט און פאר גרויס שמחה האבן זיי אפילו קיין ווארט נישט גיקאנט ארויסרעדן. און זייער פאטער און מוטער זענען אראפגישפרונגען פון זייערע שטולן און האבן גיהאלדזט און גיקושט די בחורים און ארויסגילאזט אזא גרויס גיוויין, אז מען האט עס גיהערט ווי ווייט. אצינד איז באוואוסט גיווארן, אז די צוויי יונגעלייט זענען דעם קעניגס קינדער. עס האט גידויערט א לאנגע ווילע ביז די בחורים זענען גיקומען צו זיך און זיי האבן דערציילט די עלטערן אלץ, וואס עס האט זיך מיט זיי פארלאפן ביזן היינטיקן טאג. און די שמחה איז גיוועזן זייער גרויס. און ער איז גיוועזן א פירשט און זיינע קינדער זענען גיוועזן פירשטלעכע קינדער. און ער האט אנגיזאגט זיינע קינדער, אז זיי זאלן גיין אין ג-טס וועגן און וועט ער זיי העלפן צו יעדער צ״יט. אז הקדוש ברוך הוא פרואווט אויס א מענטש מיט יסורים, שטייען אלע זיינע קרובים פונדערווייטנס און ווילן אים נישט העלפן, זיי דערווייטערן זיך פון אים, און דער אומגליקלעכער בלייבט עלנד און פארלאזט. און איינער פון טויזנט זאגט אפילו נישט: דו ביסט מיין ברודער. אבער ווען ג-ט טוט באג״יקן דעם מענטש ווערט אפילו פארשטאפט דאס מויל פון זיינע שונאים. און די שיפס-לייט האבן גיזעען און דאס אלץ אויסגיהערט. פיל פון זיי האבן זיך מגייר גיווען און עס איז דארט גיווארן א גרויסע קהלה.

דערפון דארף זיך דער מענטש אפלערנען צו האבן גידולד און אלץ מקבל צו זיין באהבה, און צו טרייסטן דעם אומגליקליכן מיט א גוט ווארט, אויב מען קאן זיי קיין געלט נישט געבן, וועט ג-ט מיט אים גוטס טון און אים אויסהיטן פון די צרות און ג׳ים אויסלייזן פון דעם שווארצן און לאנגן גלות און אים ברענגען אין היליקן לאנד, און דעמלט וועלן זיך פרייען אלע נידערגישלאגענע. איך פארהאף צו השם יתברך, אז ער וועט זיך ענדלעך איבער אונדז דערבארימען און טון אונדזער פארלאנג. און אז מיר וועלן זיין וואויל און גוט, ווי מיר דארפן זיין, וועט השם יתברך טון אונדזער באגער. אבער כל זמן מיר שטעקן אין די זינד ביז איבערן קאפ... דארפן מיר האפן אויף דער גאולה, וואס וועט קומען אין אונדזער צייט.

די דאזיקע מעשה האב איך גיזעען שטיין אין א ספר, וואס עס האט אנגישריבן א פיינער מאן פון פראג מיט-ן נאמען...

(המשך פון די „זכרונות״ — זע ב״י נומער 61)



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 060 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

גאָסן בלוט בלײַבן די גאַראַנטי פאַר ווײַטערדיקע נצחונות פאַר אונדזער אידעאַל.

מיר מוזן אָבער אויך וויסן, אַז דער דערהאַלטונגס-פּונקט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע איז דער „תרומת-חברה". מיט די קלײנע גראָשנס פון אַ תרומת-חברה העלפט יעדער בויען און באַפעסטיקן אונדזער „בנות" אָרגאַניזאַציע. זאָל דעריבער קײן אײנע פון אונדזערע יידישע פרויען-קעמפערנס דאָס נישט פאַרגעסן, נאָר אַלע ווי אײנער זאָלן צאָלן און זאַמלען דעם מאָראַלישן און עקאָנאָמישן שטײער, דעם יערלעכן תרומת-חברה. קום בתולת ישראל — ויהי ד' עמנו.

קרוסע שטערן.

# אַרוף וועגן דעם טראַדיציאָנעלן יידישן אויסלײג

בשעת די זומער-קורסן פון בית-יעקב-סעמינאַר איז אין ראַבקע אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ וועגן יידישן אויסלײג. עס זענען געווען דערבײַ דאָצענטן פון סעמינאַר און אַנדערע: י. ל. אָרלעאַן, דר. ש. בירנבוים, מ. דײטשער, הרב ט. הורוויץ, מ. הייטנער, ל. וואַטשאַזש. ח. לאַנדסבערג, אַ. ז. פרידמאַן, א. ג. פרידזאָן, ש. שענירער. עס איז אָנגענומען געוואָרן, לויט ווי עס ווערט פאַרלאַנגט אינעם ביכל „יידישקײט און לשון" פון דר. שלמה בירנבוים, אָפּצושאַפן דעם הײַנטיקן אויסלײג, וואָס איז אַרײַנגעבראַכט פון דער השכלה, וואָס איז אויך פאַנעטיש און פעדאַגאָגיש זײער שלעכט און וואָס האָט דערפירט צו אַ כאַאָס אין די בית-יעקב-שולן.

ס-איז אָנגענומען געוואָרן דער אויסלײג, וואָס איז אויסגעאַרבעט אינעם דערמאָנטן ביכל; אויפן יסוד פון אַמאָליקן אויסלײג. דער גרעסטער טײל ווערט תיכף אײַנגעפירט אין „בית יעקב" און וועט אויך איבערגענומען ווערן פון דער טראַדיציאָנעלער ליטעראַטור און פרעסע.

דאָס איז אַ וויכטיקער אויפטו אין דער מלחמה אַנטקעגן אַפּיקורסות און אַסימילאַציע. מיר זענען זיכער, אַז איר וועט אויך העלפן בײַ דער דאָזיקער אַרבעט, איר וועט אַלײן שרײַבן מיט *אט דעם אויסלײג, פועלן בײַ אײַער סביבה דאָס זעלבע, פועלן דאָס אײגענע בײַ די בלעטער, זשורנאַלן, פאַרלאַגן וואו איר אַרבעט מיט.

זען אַז אַלע זאַכן אײַערע זאָלן זיך דרוקן אַזוי, פּראָפּאַגאַנדירן דעם וויכטיקן רעיון:

מיט גרויס כבוד

**אליעזר שינדלער — מינכן, אליעזר גרשון פרידנזאָן — לאָדזש, אלכסנדר זושא פרידמאַן — וואַרשא, הרב טובי' הורוויץ — ריישע, משה צעכאָוואַל — אַנטווערפּן, נטע ירוחם בערלינער — וואַרשא, דר. נתן בירנבוים — בערלין, שבתי הלוי שיינפעלד — ווין, דר. שלמה בירנבוים — האַמבורג, שמואל אָסטערזעצער — דיסבורג, שמואל נאַדלער — גלינע, שרה שענירער — קראָקע.**

באַמערקונג: די כללים פונים נײעם אויסלײג געפונען זיך אין פריערדיקן נומער ב"י (59).

# אונדזערע פּרעמיעס

פאַר די קויפער און פאַרשפרייטער פון

הארכיון היהודי

# תרומת-חברה!

אַלע וואָס וועלן אויסקויפן אַ תרומת-חברה אויפן יאָר פון תרצ"א גייען אַרײַן אין גורל צו געווינען 50 ווערטפולע ביכער, דאַרונטער פיל טײַערע און העכסט-אינטערעסאַנטע!

אין יעדן אָרט, וואו עס וועלן פאַרקויפט ווערן 50 תרומת - חברות, גײען די זאַמלער אַרײַן אין גורל צו געווינען אַ פּחנם-דיקן אויפהאַלט פון 5 וואָכן צײַט בײַם נאָענטן פירערן-קורס אין ראַבקע!

אַדרעס צו באַשטעלן תרומת-חברה-ביכלעך:

Sekretarjat B. A. I. Łódź skrz. pocz. 146

דאָס געלט פון תרומת-חברה ווערט אָפּגעשיקט אין דער לאָדזשער האַנדלס קרעדיט-באַנק P.K.O. 65.500

בײַם שיקן געלט אין דער באַנק צו שרײַבן אויפן טשעק פאַר „תרומת חברה"

---

ווי די תפלה פון מײַן „שוועסטער" נעמען בײַ דער נשמה. מען לײנט זײ באַבאַמאַ" און ווידער.

„לײַין שוועסטער מײַנע, לײַין
די תחינה, וואָס געבעטן האָט
שרה בת טובים
די מוטער פון די מוטערס
און דײַנע ווײסע הענט הויב אויף
צום הימל אויבן,
אַזוי ווי בשעת דו צינדסט און בענטשסט
די ליכט לכבוד שבת".

מיר ווינטשן נאַדלערן צו גײן מחיל אל חיל. זאָל ער ווײטער שאַפן אין גײַסט פון ישראל סבא. דעם פאַרלאַג „יהדות" קומט אַ דאַנק, ער האָט דאָס ביכל אַרויסגעגעבן מיט טעם. דער פרומער יידישער עולם האָט לע"ע נאָך ווייניק פאַרשטענדניש פאַר „לידער" בפרט אין גאַליציע. די פרומע יידישע יוגנט איז מחויב די אַרבעט פונים פאַרלאַג „יהדות" צו שטיצן.

א. ש.

## תיקון טעות.

אין דער רעצענזיע איבער ד"ר בײַבויערס בוך (חשון נומער) האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט עטלעכע פאַרדראָסיקע גרײַזן. דאָס ווערק הײסט : „ביבל-קריטישע אירונגען". אין דער גאַנצער גופא שורה 21 דאַרף הײסן דער זאַץ : על פי רוב שרײַבט דר. בײַבויער זײַנע מאמרים אין די „מיטטײלונגען דער פאַר דער אזיאַטישן געזעלשאַפט". בלעטער, וואָס זענען נישט צוגענגלעך דעם ברײטערן יידישן עולם און דאָס איז אַ גרויסער שאָד א. אז. ו.

# אײנמאָליקער פאָנד פון דער בית-יעקב-ליטעראַטור

## צווייטע רשימה

יצחק הערש עססנפעלד (זאַלעשטשקי) 36 זל. בנות אגודת ישראל (וואַרשא) געזאַמלט דורך פרל. רבקה עלבוים 31 זל. ה' שלמה ריטער (זלאָטשאָוו) 10 זל. פרל. גורפינקל (ליפנא) 3 זל. חנה שפירא (טיקטין) 5 זל. פרל. גײער (בזשעזשין) 5 זל. לערערן הוראוויץ (שידלאָווצע) 3 זל. ש. יאַנאָווסקא (ראַדאָם) 5 זל. אסתר וואָלפאָווסקא (סאָקאָלאָוו) 3 זל. לערערן טויבע (ווישקאָוו) 3 זל. לערערן ראָט (סקאַלאַט) פר. פרידריך (בענדין) ענטפערט דער פרל. ראזא מיט 6 זל. י. א. שטשערינסקא (לאָדזש) 5 זל. געליבטער (ראַדאָם) 3 זל. בנות אגודת ישראל (בענדין) 20 זל, ליפא ווייספיש (ריקא) 3 זל. אברהם זילבערבערג (וואָלבראָם) 3 זל. הרבנית חנה ראַבינאָוויטש (איזאַבעלין) 5 זל. רחל לענטשיצקא (איזאַבעלין) 5 זל. פ"וי קאַפּלאַן (סט"י) 2 זל. בנות אגודת ישראל (פּלאָצק) 13 זל. ה. א. לענטשיצקי (קאַליש) 6.50 זל. ש. חאַלוטא (טיקטין) 5 זל. לער. פלידערבוים (שטענסטאַחאָוו) 5 זל. אלחנן פײַטלאָוויטש (קינצק) 3 זל.

יוסף דוד עפּשטיין (מיר), מ. לאַסקי (שעדלעץ), הינדא סאַפּירשטיין (פּינסק) דבורה גײַדוואַסער (טלושץ) ברוך וואַסערשטיין (האָראָדענקא) הערש גאָלדפאַרב (דעמבלין) יעקב געניער (האראַחאָוו) אבא ווײַנגאַרטן (פּינסק) פעלצמאַן (גאָסטינין) אשר שטערן (בוקאָווסקא) האַנטווערקער באַנק (אָזאָרקאָוו) לערערן שטײַער (קינצק) אברהם טאָב (סאָכאַטשעוו) מלכה קאָדזיאָל (בעלכאַטאָוו) פרל. שאַטאַן (בעלכאַטאָוו) הערש אײדעלמאַן (גרודעק) רײזל ראָזאַ (וואַרשא) פערל רײנגעווירץ (מלאַווא) משה הערצקי שמעלצמאַן (אָפּאַטאָוו) אַלע צו 2 זל.

| | |
|---|---|
| ס"ה | 149.50 |
| פון פריער | 130.00 |
| ס"ה | 279.50 |

די אַלע וואָס האָבן נאָך נישט געטון זײער חוב פאַרן פאָנד פון דער בית-יעקב-ליטעראַטור דאַרפן דאָס שוין טון! געלט-שיקן P.K.O. 67.795

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
ŁÓDŹ, Grudzień 1930

**„BAJS JAKOW"**

**Cena 1 Zł.**
P.K.O. 67.795

**Rok VIII zeszyt 3 (60)**
Adres Red. „Bajs Jakow"
Łódź, Limanowskiego 28.
Telefon 109-77.

# מ ז ל - ט ו ב

צו דער חתונה פון אונדזער חשובער חברה, פירערן
פון „בנות אגודת ישראל" אין לאָדזש
פרל. אסתר אלשטיין
מיט ה' ישראל אלעזר רינסקי (בענדין)
ווינשטן מיר אַ האַרציקן מזל-טוב. אין אייער ניי גי-
בויטן בית יעקב, זאָל תמיד הערשן גליק און צו-
פרידנהייט עד מאה ועשרים שנה!

רעדאַקציע „בית יעקב" לאָדזש — צענטראַלע „בנות אגודת ישראל" אין פוילן

# מ ז ל - ט ו ב

די האַרציקסטע גליק וואונטשן צו דער חתונה פון
אונדזער פאָרזיצערן
פרל. אסתר אלשטיין
מיט ה' ישראל אלעזר רינסקי

מיר וועלן תמיד גידענקן דיינע ביז יעצטיקע גרויסע
לייסטונגען פאַר אונדזער אידעאַל און אויך אויף
ווייטער ווינטשן מיר דיר מתוך הרחבה צו זיין צווישן
די בויערס פון אונדזער באַוועגונג.

לאָדזש
„בנות אגודת ישראל"

הארכיון היהודי

אַ הערצלעכן מזל-טוב ווינטשן מיר אונדזער זער גיערטע און איבערגיגע-בינע פרל. רחל הערשבערג (לאָדז) צו איר פאַרלאָבונג מיט ד' ראָש (פשעדבאָזש). אייער לעבנס-וועג זאָל זיין מיט רויזן באַצירט. איר זאָלט זוכה זיין צו בויען אייער הויז אויף די בערג פון יהודה, גליק און צופרידנהייט זאָל אייך תמיד באַגלייטן.

ביאַלא-ראַווסקא „בנות אגודת ישראל"
פרויען-קאָמיטעט
בית-יעקב-שולע

## מזל-טוב

פון טיפן האַרצן ווינטשן מיר אַ מזל-טוב די ג. פר. ברײַנדל מינסקא, די גרינדערן פון אונדזער בית-יעקב-שולע, בנות-אָרגאַניזאַציע און בתיה-פאַרבאַנד די אונערמידלעכע קעמפערן פאַר אונדזער אידעאַל, צו איר פאַרלאָבונג מיט ה' שמחה בונם דאַנציגער. אייער צוקונפט זאָל זיין גיבענטשט מיט דער ברכה פון השי"ת און אייער מזל זאָל שיינען ווי די אויפגייענדע זון.

ראַטשאָנזש — פערוואַלטונג לערערן
קריגער בית-יעקב, בנות-אָרגאַניזאַציע בתיה-פאַרבאַנד
אויך די פאַמיליע יאַרושעמסקא ווינשט אַ הערצליכן מז"ט.

אַ האַרציקן מזל טוב ווינטשן מיר אונדזער אַקטיווער חבר'טע צו דער פערלאָבונג פון פרל. פייגע באַרכאָוויטש מיט ה' אברהם ראָזנבערג (סאַנאָק).

גער — בנות אגודת ישראל

אַ האַרציקן מזל-טוב ווינטשן מיר צו דער פאַרלאָבונג פון אונדזער בנות-חברה פרל. פייגע אורבאַך (קאַליש) מיט ה' שמואל האָזענבלאַט (זד.-וואָלא), זאָל אייער לעבנס-וועג באַצירט זיין מיט דעם תורה-אידעאַל.

קאַליש — בנות-אַגודת-ישראל

לחברותי מ' שפירא לאירושה את מ' רובין ומ' ויטלזון לנשואי' עם מ' מאירוב'ץ, אושר ועושר יהיו מנת חלקכם תמיד.

פשעטשגאַווא — רבקה איזראלסקה

אַ האַרציקן ברכה-פולן מזל-טוב ווינטשן מיר אונדזער ל. פריינדין אסתר הענאַבער (דאַברי) צו איר פערלאָבונג מיט ה' פנחס ווייס (פיעטרקאָוו)—זאָל אייער צוקונפט גיבויט ווערן אין גייסט פון די הייליקע תורה-אידעאַלן.

דאַברי — לערערין שרה בעם
שוועסטערן: דבורה און אסתר שאַטאַן

צו דער פאַרלאָבונג פון מיין האַרצנס-גיליבטע פריינדן פריווא גרינפעלד (אָזיניעוו) מיט ה' אליעזר שפייער (דאָבראַ) ווינטש איך אַ האַרציקן מזל-טוב, די שטראַלענדע ליכט פון „בית יעקב" און „בנות אגודת ישראל" זאָל שיינען אין אייער צו-אַמיובונד. ווי אויך די עלטערן פון די פאַרלאָבטע, ווינטש איך אַ האַרציקן מזל-טוב.

פריידע וואַ נאָוויטש
ב"י לערערין אין ליפנאָ

אַ האַרציקן מזל-טוב ווינטש איך צו דער פערלאָבונג פון פרל. גוטערמאַן (אלעקסאַנדער) און צו דער חתונה פון פרל אלשטיין (לאָדזש). זאָל אייער צוקונפט זיין אַ גליקלעכע און צופרידינע.

פאַדעמביץ — שפרה גוטער ב"י לערערן

לידידי הנכבדים מר משה זילברשאַץ ומר יונתן סוכטשבסקי (לודז) ומר ישראל גולדצויג (זיליכוב) — ברכת מז"ט חמה לנשואיהם.

א. ג. פרידנזון

שוין אַרויס פון דרוק אַ העכסט אינטערעסאַנטע בראָשור אין פויליש:

**Rabin ARON LEWIN**
Poseł na Sejm

## „BAJS JAKOW"

Przemówienie wygłoszone przy uroczystości z okazji położenia kamienia węgielnego pod budowę ortodoksyjnego Seminarjum nauczycielskiego dla szkół „Bajs Jakow".

— פרייז 50 גר. —
— 10 עקז. נאָר —.4 זל. —
אָן געלט ווערט נישט גישיקט! — געלט-שיקן P.K.O. 67.795

וויכטיג פאַר יעדען!
אויך אַ מתנה פאַר קינדער
איז דאָס ספר
**הנהגת אדם**
קיצור שלחן ערוך אין יידיש. דערין גיפינט זיך אַלע דינים און מנהגים פון אַ גאַנץ יאָהר אויך פיעל יודישע מעשׂיות מיט בילדער. פרייז געבונדען 1 60 זל.
ב. ליבעסקינד פיעטרקוב (טריב.) סט.-ווארש. 12

די רעדאַקציע איז אָפן יעדן טאָג פון 11—4 נאָכמיטאָג;—נישט באַשטעלטע מאַנוסקריפטן ווערן נישט צוריק גישיקט—ביים פאַרלאַנגן ענטפער מוז זיין בייגילייגט אַ פאָסט-מאַרקע — אַנאָנים, וואָס ווערן נישט באַצאָלט פריוואַטעס ווערן נישט גידרוקט און ס-ווערט נישט אָפגיענטפערט אויף אַזעלכע פּרעטענציעס—באַריכטן פון די שטעט וואו ס-איז נישטאָ שטענדיקע 10 אַבאָנענטן ווערן נישט גידרוקט.

Red. Luzer Gerszon Frydenzon | געזעצט: מ. ליבעסקינד לדאז, קילינסקא 50 | Tłoczna J. Djament, Łódź, Kilińskiego 50. Tel. 188-76.